# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים



## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### א תפילה וואס איז אנגעהאנגען אין מסירות נפש

**"פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם"** (כה יא)

פון דער לשון הפסוק זעט אויס אז פינחס האט אפגעשטעלט די מגיפה אין זכות פון זיך אננעמען פארן כבוד שמים, אבער אין פסוק וואס עס שטייט אין תהילים (קו ל): "וַיַּעֲמֹד פִּינְחָס וַיְפַלֵּל וַתֵּעָצַר הַמַּגֵּפָה", זעט אויס אז ער האט אפגעשטעלט די מגיפה דורך תפילה. וויאזוי קען מען פארענטפערן די צוויי פסוקים?

ערקלערט **רבי יוסף דוד מסלוניקי**:

אין מסכת ברכות (כ א) ווערט געברענגט אז רב פפא האט געפרעגט פון אביי: 'פארוואס די פריערדיגע דורות האבן זוכה געווען צו ניסים, און אונז פייניגן זיך און שרייען ביים דאווענען און ווערן נישט געהאלפן?'. האט אים אביי געענטפערט: 'די פריערדיגע האבן זיך מוסר נפש געווען אויף קדושת ה', אבער מיר זענען זיך נישט מוסר נפש אויף קדושת ה' דעריבער ווערט נישט אנגענומען אונזער תפילה'.

לויט דעם קען מען אזוי טייטשן דעם פסוק אין אונזער פרשה: "פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" - דורך זיין תפילה, אבער די סיבה פארוואס זיין תפילה איז אנגענומען געווארן איז געווען: "בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם" - אין זכות וואס ער האט זיך מוסר נפש געווען פאר כבוד שמים. וועגן דעם שטייט אין תהילים: "וַיַּעֲמֹד פִּינְחָס וַיְפַלֵּל", און נישט 'ויפלל פינחס', דיך צו לערנען, ווייל ער האט פארמאגט א זכות פון קידוש ה', דעריבער באלד ווען ער האט זיך געשטעלט דאווענען - איז ער געהאלפן געווארן.

'צמח דוד'

### 'וִיהִי אור הלבנה' אזוי ווי אור פני משה

**"וְנָתַתָּה מֵהוֹדְךָ עָלָיו לְמַעַן יִשְׁמְעוּ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל"** (כז כ)

"'מהודך' ולא כל הודך, נמצינו למדין פני משה כחמה פני יהושע כלבנה" (רש"י, ע"פ ב"ב עה א).

זאגט **האדמו"ר רבי דוב בעריש פון ביאלא**:

ביי די זמירות פון מוצאי שבת בעטן מיר: "יהי החודש הזה כנבואת אבי חוזה", און מ'קען עס אזוי אויסטייטשן: "החודש" איז מרמז אויף די לבנה, ווייל די טעג פון די חודש ווערן אויסגעשטעלט דורך די מהלך הלבנה; "יהי החודש הזה" - די לבנה זאל צוריק אנהייבן שיינען "כנבואת אבי חוזה" - אזוי ווי די ליכטיגקייט וואס האט זיך אנגעזען אויף די פנים פון משה רבינו דער פאטער פון אלע נביאים וואס האט געלויכטן אזוי ווי די זון. דאס זעלבע בעטן מיר אויך יעדן חודש נאכן מחדש זיין די לבנה: "ויהי אור הלבנה כאור החמה וכאור שבעת ימי בראשית כמו שהיתה קודם מעוטה".

'חיים חן' עמ' טז

### אמן עפנט די שערי חכמה

**"לְפֻוָּה מִשְׁפַּחַת הַפּוּנִי"** (כו כג)

"היה לו לומר 'הפֻוָּהִי' וכתב: 'הפוני', לומר שכל ישראל פונים אליו ללמוד מתורתו" ('בעל הטורים').

זאגט **רבי עקיבא יוסף שלעזינגער** בעל 'לב העברי':

'פֻוָּה' איז בגימטריה 'אמן'. דער פסוק איז מרמז אז דער וואס איז עוסק אין תורה דארף מער אכטונג געבן אויף די יחוד פון די צוויי שמות הוי"ה און אדנ"י וואס זענען מרומז אין 'אמן'. און דער וואס טוט אזוי ווערן פאר אים געעפנט די שערי חכמה, און איז זוכה אז "כל ישראל פונים אליו ללמוד מתורתו".

אויף דעם האט צוגעלייגט דער טשימפער רב **רבי משה דוד עסטרייכער** אז וועגן דעם בעטן מיר ביי ברכת התורה: "ונהיה אנחנו וצאצאינו... כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה"; "יודעי שמך" איז א רמז אויף די צוויי הייליגע שמות וואס זענען מרומז אין די ווארט 'אמן'. פון דא זען מיר אז די וואס לערנען דארפן מער מקפיד זיין אויף די הייליגע יחוד, כדי זיי זאלן זוכה זיין צו די ברכה פון: "לומדי תורתך לשמה".

'תורת יחיאל' אות סג; 'תפארת אדם' מטות

### קרבנות - פארן ציבור, תפילות - פאר יעדן יחיד

**"אֶת קָרְבָּנִי לַחְמִי לְאִשַּׁי רֵיחַ נִיחֹחִי תִּשְׁמְרוּ לְהַקְרִיב לִי בְּמוֹעֲדוֹ; וְאָמַרְתָּ לָהֶם זֶה הָאִשֶּׁה אֲשֶׁר תַּקְרִיבוּ לַה' כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה תְמִימִם שְׁנַיִם לַיּוֹם עֹלָה תָמִיד; אֶת הַכֶּבֶשׂ אֶחָד תַּעֲשֶׂה בַבֹּקֶר וְאֵת הַכֶּבֶשׂ הַשֵּׁנִי תַּעֲשֶׂה בֵּין הָעַרְבָּיִם"** (כח ב - ד)

די פסוקים הייבן זיך אן מיט א לשון רבים: "תִּשְׁמְרוּ לְהַקְרִיב לִי... אֲשֶׁר תַּקְרִיבוּ לַה'", און ענדיגט מיט א לשון יחיד: "אֶת הַכֶּבֶשׂ אֶחָד תַּעֲשֶׂה בַבֹּקֶר וְאֵת הַכֶּבֶשׂ הַשֵּׁנִי תַּעֲשֶׂה בֵּין הָעַרְבָּיִם". פארוואס? די קשיא ווערט שווערער נאכן טרעפן אין גמרא (מנחות סה א) אז פון דעם וואס דער פסוק איז געשריבן געווארן בלשון יחיד האבן די צדוקים געהאט א טעות אז יעדער יחיד קען ברענגען א קרבן תמיד, און עס איז נישט קיין חוב צו ברענגען דוקא פון ציבור.

ענטפערט **רבי יוסף ישראל דייטש** דער רב פון באלאשא יארמוט:

די צוויי ערשטע פסוקים באציען זיך אויף די זמן וואס די בית המקדש איז געשטאנען, ווען דעמאלטס אין דער תמיד געווען א קרבן ציבור. אבער דער לעצטער פסוק באציט זיך אויף די צייט פון נאכן חורבן, ווען די תפילות זענען אנשטאט די תמידים (ברכות כו ב), און ווייל תפילה איז א חוב וואס ליגט אויף יעדן יחיד און יחיד דעריבער איז דער פסוק געזאגט געווארן בלשון יחיד.

'בן גרני'

### קבלת עול שמים מיט א תמימות

**"אֶת הַכֶּבֶשׂ אֶחָד תַּעֲשֶׂה בַבֹּקֶר וְאֵת הַכֶּבֶשׂ הַשֵּׁנִי תַּעֲשֶׂה בֵּין הָעַרְבָּיִם"** (כח ד)

איינמאל האט **רבי שרגא פייוול מענדלאוויטש** ראש ישיבת 'תורה ודעת' געהערט ווי איינער פון תלמידים רעדט מיט א גרינגשעצונג אויף די פשוטע אידן וואס קענען נישט פירוש המילות ביים דאווענען, און פון דעסוועגן דאווענען זיי מיט א התלהבות אזוי ווי די גרויסע חסידים. אלץ א ביישפיל צו דעם האט דער תלמיד נאכגעזאגט א באקאנטע מעשה פון א דארפסמאן וואס האט שטענדיג געדאווענט מיט א קול רעש גדול, און ביים זאגן די פרשת התמיד ביי די ווערטער "את הכבש אחד", האט ער געשריגן הויעך אויפן קול מיט פארמאכטע אויגן די ווארט "א-ח-ד", ווי ער האלט ווען יעצט אין די ערשטע פסוק פון קריאת שמע.

אט די ווערטער וואס זענען געזאגט געווארן אויף א ליצנות'דיגע וועג האט זייער וויי געטון פאר רבי שרגא פייוול, און ער האט זיך געוואנדן צו יענעם תלמיד און האט אים געזאגט: "דיין לאכן זאגט אונז אז דו ביזסט נישט גענונג באהאפטן צו רוחניות. א איד וואס איז געשאנקען געווארן מיט איידעלע רוחניות'דיגע געפילן דארף זיך באציען אינגאנצן אנדערשט צו אזא מעשה, און וועגן דעם, יעדע מאל ווען ער וועט זאגן די ווערטער: 'את הכבש אחד', זאל ער זיך דערמאנען מיט א בענקעניש פון יענעם פשוטן איד און זאגן צו זיך: אויך אזעלעכע פשוטע ווערטער קען צוברענגען אז א איד זאל זיך מקבל זיין אויף זיך עול מלכות שמים.

'שלוחא דרחמנא' עמ' 389




**צדיק שומר אמונים**

דעם שבת קודש וועט זיין פיר הונדערט מיט איין און פופציג יאר זינט די פטירה פון איינער פון די גדולי המקובלים, רבי **משה קוֹרְדוֹבֵירוֹ** וואס ווערט אנגערופן **'הרמ"ק'**. אסאך שרייבט דער הרמ"ק אין זיינע ספרים איבער די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן. און אזוי שרייבט ער אין זיין סידור 'תפלה למשה' (שער ד סי' ג):

די צאל פון די דברים שבקדושה וואס ליגט אויפן מענטש צו זאגן יעדן טאג איז מרומז אין די ווארט צדי"ק - **צ'** [90] אמנים **ד'** [4] קדושות, **י'** [10] קדישים, **ק'** [100] ברכות, אונז צו לערנען אז דער וואס געבט אכטונג אויף די צאל ווערט זיכער אנגערופן מיטן נאמען צדיק.

**ברכות השחר:** אויפן קול מיט כוונה מיט א חברותא.

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר
פון דאווענען

## דער פיוט 'יגדל' (יב):
## דער עלעפטער עיקר - שכר ועונש

### שכר און עונש אין עולם הבא

דער עלעפטער עיקר איז אונז מחייב צו גלייבן אז הקב"ה באצאלט שכר פאר דער וואס איז מקיים די מצוות פון די תורה, און שטראפט דעם וואס איז עובר אויף זיי. די שכר פאר די צדיקים וואס האבן מקיים געווען די מצוות איז "חיי עולם הבא" - ווען זייער זעל וועט זוכה זיין צו א רוחניות'דיגן תענוג און געניסן פון זיו השכינה. און דער שטראף וואס די רשעים וועט זיין מיט דעם וואס זייער זעל וועט פארשניטן ווערן און וועלן נישט זוכה זיין צו חיי עולם הבא.

דער מענטש זאל נישט מיינען אז די פארשידענע ערליי תענוגים אויף דער וועלט איז די שכר וואס איז צוגעזאגט פאר די וואס גייען אויף די גוטע וועג, ניין, די געוואלדיגע אייביגע שכר וואס מ'באקומט אין עולם הנצחי קען מען אינגאנצן נישט צושטעלן און צוגלייכן צו די הנאות פון דער וועלט וואס זענען נאר צייטווייליג און אויף א באשטימטע צייט. נאר ווייל די השגחה העליונה האט אזוי גוזר געווען אז אין עולם הזה - דאס איז די עולם העשיה געפונט זיך די זעל אין א גשמיות'יגן קערפער, און כדי דער גשמיות'דיגער קערפער זאל קענען עקזיסטירן און אויספירן זיין פליכט פעלט זיך אויס רואיגקייט און הרחבה, דעריבער טרעפן מיר אין תורה פארשידענע הבטחות פון טובות און הנאות אויף דער וועלט לויט די מעשים פון א מענטש, כדי דורך דעם זאל ער קענען מקיים זיין די מצוות מתוך שמחה אן קיין שטערונגען, און ווען די זעל וועט ארויסגיין פון קערפער און זיך צוריק קערן צו איר פלאץ אין עולם הבא, דעמאלטס וועט זי קענען הנאה האבן פון די ריכטיגע גוט'ס וואס איז פאר איר אוועקגעלייגט לויט אירע מעשים אין עולם הזה (רמב"ם פיה"מ סנהדרין הקדמה לפ"י, תשובה פרקים ח-ט).

### שכר און עונש אויך אויף די גרינגע זאכן

דער מענטש דארף וויסן אז הקב"ה איז נישט מוותר אדער ער טוט פארהוילן זיין אויג אפילו פון איין עבירה וואס דער מענטש האט נישט תשובה געטון אויף דעם, אויך אויב עס זעט אויס אין זיינע אויגן גרינג און קליין. און אזוי שרייבט דער רמח"ל ('מסילת ישרים' פ"ד): "אזוי ווי הקב"ה פארגעסט נישט פון א גוטע זאך וואס דער מענטש האט געטון, זאל עס זיין ווי קליין עס איז, אזוי איז ער אויך נישט מוותר אויף קיין עבירה, קליין וואו עס זאל נאר נישט זיין, נישט ווי די וואס ווילן זיך איינרעדן און טראכטן אז דער באשעפער וועט נישט משפט'ן די גרינגע זאכן, און אויף דעם דארף מען נישט אפגעבן א חשבון".

אויפן **ווילנער גאון** ווערט דערציילט אז ער האט אמאל אפגעהאלטן זיינע מקורבים זאלן נישט געבן טרינקען פאר א איד א מומר, אויב ער וועט נישט פון פריער זאגן א ברכה. ווען דער מומר האט זיך גערעגט: "שוין לאנג צוריק האב זיך אפגעלאזט דאס אידישע גלויבן, איך בין א כופר אין הקב"ה און איך בין עובר אויף די הארבסטע עבירות, וואס טון ענק זיך אנטשעפענען אויף א ברכה?!" האט דער גאון אים געענטפערט: "זאלסט נישט טראכטן אז דערנאך וואס דו האסטו אוועקגעווארפן פון דיר די תרי"ג מצוות, ביזסטו פטור געווארן אפילו פון איין מצוה. ניין, אזוי ווי אמאל איז אויך יעצט, דו ביזסט מחוייב צו מקיים זיין די אלע מצוות פון די תורה מיט אלע זייערע פרטים און דקדוקים, און אויף יעדע הלכה וואס דו האסט מבטל געווען וועסטו אפגעבן א דין וחשבון און באזונדער געשטראפט ווערן!". הערנדיג די שארפע רייד איז זיין נפש אויפגעציטערט געווארן, און אין א קורצע צייט נאכדעם איז ער נתעורר געווארן צו תשובה שלימה ('כתר ראש' מאמרים אות ה).

### מדקדק זיין אין די שכר אויף די מצוות

די חכמים זאגן (ב"ק נ א): "כל האומר הקדוש ברוך הוא ותרן הוא - יִוָּתְרוּ חייו [וועט הפקר ווערן זיין לעבן] שנאמר (דברים לב ד): 'הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט'". דער מענטש וואס זאגט אז הקדוש ברוך הוא איז מוותר אויף א זינד אן טון תשובה, מיט דעם לערנט ער אויס פאר מענטשן אז זיי קענען זינדיגן אן צו געשטראפט ווערן (רש"י שם ד"ה יותר).

דער מהרש"ל האלט, אזוי ווי דער מענטש טאר נישט זאגן אז דער אייבערשטער איז מוותר אויף די שטראף פון א עבירה, דאס זעלבע טאר ער אויך נישט זאגן אז הקב"ה האט אים געגעבן שכר מער פון וואס עס קומט אים אויף א מצוה וואס ער האט געטון, נאר אויב ער האלט אז צוליב זכות אבות האט ער צו דעם זוכה געווען ('ים של שלמה' ב"ק ה כג). אבער דער 'מגן אברהם' (קנו ב) האלט, אז דאס וואס מ'טאר נישט זאגן אז הקדוש ברוך הוא איז א וותרן איז נאר געזאגט געווארן לגבי די שטראף אויף עבירות, אבער אין ביי שכר אויף מצוות אדרבה שענקט ער מער פון וויפיל עס קומט פארן מענטש.

### די חשיבות פון וויסן די שכר און עונש

וויסן פון שכר און עונש איז א חשובער יסוד אין אונזער אמונה, ווייל דער מענטש קען נתקרב ווערן צום באשעפער און זיך אפהאלטן פון א עבירה, אויב ער וועט שטענדיג טראכטן אז צוליב די שלימות פון השי"ת קען נישט זיין ער זאל נישט באצאלן פאר יעדן מענטש לויט זיינע מעשים, פונקטליך און געמאסטן, סיי אויף גוט'ס און סיי אויף שלעכט'ס, אזוי ווי דער חכם מכל אדם זאגט (קהלת יב יד): "כִּי אֶת כָּל מַעֲשֶׂה הָאֱלֹקִים יָבִא בְמִשְׁפָּט עַל כָּל נֶעְלָם אִם טוֹב וְאִם רָע", און דאס וועט אים זיכער צוברעכן ער זאל ציטערן פון יעדע קליינע עבירה וואס קען אים אראפ פירן אין שאול תחתית, און וועט וועלן איינקויפן נאך אסאך זכויות זוכה צו זיין צו א אייביגע און וואונדערליכע וועלט ('מסילת ישרים' פ"ד).

דעם פסוק (במדבר כא כז): "עַל כֵּן יֹאמְרוּ הַמֹּשְׁלִים **בֹּאוּ חֶשְׁבּוֹן**", דרש'ענען אזוי די חכמים (ב"ב עה ב): "בואו ונחשוב חשבונו של עולם, הפסד מצוה כנגד שכרה, ושכר עבירה כנגד הפסדה". דער מענטש דארף אפוועגן די צייטווייליגע שאדן וואס ער האט צוליב וואס ער טוט מצוה, אקעגן די שכר וואס איז אים צוגעזאגט אויף לעתיד, און די צייטווייליגע שכר פון א עבירה, אקעגן די צוקונפטיגע שאדן.

### גומל לאיש חסד כמפעלו

דער עיקר ווערט אזוי דערמאנט אין דער נוסח הפיוט פון 'יגדל': "גומל לאיש חסד כמפעלו, נותן לרשע רע כרשעתו". אסאך וואונדערן זיך פארוואס האט דער משורר נישט געשריבן "נותן לרשע רע כמפעלו", אזוי ווי עס שטייט אויפן צדיק?

רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב טייטש אז אין דעם ליגט א רמז אויף די גוט'סקייט פון באשעפער. הקדוש ברוך הוא ברוב רחמיו באצאלט: "לאיש חסד כמפעלו" - נישט נאר לויט די עצם מצוה וואס ער האט געטון, נאר לויט די ווערד פון די רעזולטאט וואס איז ארויסגעקומען פון טון די מצוה. דעריבער דער וואס געבט צדקה פאר א ארימאן און מיט דעם האט ער איינגעקויפט עסן פאר זיין פאמיליע, וועט אים נישט גערעכנט ווערן נאר די עצם מצוה פון צדקה, נאר אויך די תוצאות פון די מצוה - געבן עסן פאר א ארימאן און זיין גאנצע פאמיליע. דאקעגן "נותן לרשע רע" נאר "כרשעתו" - לויט וואס ער האט געטון בפועל, און איז נישט מוסיף אים צו דן זיין לויט די רעזולטאטן וואס קומען ארויס פון וואס ער האט געטון ('קדושת לוי' ליקוטים. וראה 'עץ יוסף' בסידור 'אוצר התפילות').

נאך ערקלערט דער ווילנער מגיד רבי יצחק אליהו לנדא: ביים טון א מצוה, צאלט ה' "לאיש חסד" ד.מ. אויך פאר איינער וואס אלס זיין נאטור איז ער א גומל חסדים -"כמפעלו", לויט די פעולה וואס ער האט געטון כאטש ער האט זיך נישט געדארפט אנשטרענגען און בייגן זיין נאטור צו טון די מצוה. אבער דער וואס איז פון זיין נאטור א רשע, באצאלט מען אים "רע כרשעתו", ד.מ. נאכן זיך רעכנענען מיט זיין שלעכטן נאטור און די פארשידענע געוואוינהייטן וואס האבן אים צוגעברענגט צו זינדיגן (סידור 'דובר שלום').

אויך מיטן טוישן די לשונות: "**גומל לאיש חסד... נותן** לרשע", וויל דער משורר ארויסברענגען די גוט'סקייט פון באשעפער קומענדיג משפט'ן דעם מענטש; דער לשון 'גמול' ברענגט ארויס א ריכטיגע באצאלט, אזוי ווי 'שכר' פון א ארבעטער וואס באקומט לויט 'מפעלו'. אבער דער לשון 'נתינה' איז טייטש מתנת חינם, אזוי ווי ארימאן וואס באקומט א מתנה לויט דעם רצון פון דער וואס געבט. דער ענין ברענגט אויך ארויס די גוט'סקייט פון ה' יתברך, אז פאר דער וואס טוט גוט'ס געבט ער א פולע באלוין לויט וואס ער האט געטון, אבער פארן רשע באצאלט ער נאר בגדר 'נתינה', נישט לויט די זינד (שם).

דער באשעפער איז **גומל לאיש חסד** - ער שענקט מיט זיין מדת הרחמים פארן צדיק שכר **כמפעלו** - לויט די רעזולטאט פון זיינע מעשים טובים. אבער **נותן לרשע רע** נאר **כרשעתו** - וואס ער האט געטון, און נישט ווי די תוצאותיו.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## א מנחה וואס ברעכט אויף גרעניצן

דער נאמען פון מרן ה"סטייפעלער", רבי יעקב ישראל קניבסקי זצ"ל, בעל 'קהילות יעקב', איז אין די לעצטע צענדליגער יארן פון זיין לעבן ברייט באקאנט געווארן אלץ איינער פון די גדולי ומאורי הדור וואס האט מרבה געווען תורה און יראת שמים אין אידישן פאלק.

נישט אסאך זענען באקאנט מיט די שווערע צייטן וואס ער איז אריבער אין זיינע יונגע יארן, ווען ער איז געווען פארשפארט אין רוסלאנד אין די תקופה פון די רעוואלוציע פון די בולשעוויקן אינמיטן זיינע בעסטע יארן ווען ער האט געהאלטן אינמיטן שטייגן אין תורה.

ווען ער איז אלט געווען ניינצן יאר, האט דער אלטער פון נובהארדוק אים געשטעלט שטיין אין שפיץ פון די ישיבה פאר יונגע בחורים וואס ער האט אויפגעשטעלט אין די שטעטל ראגאטשאוו, און פון דארט איז ער אוועקגעריסן געווארן אינמיטן פארלערנען א שיעור צו דינען אלץ א זעלנער אין די רויטע ארמיי, דארט איז ער געצווינגען געווען צו דינען א גאנצע יאר, אין לויף פון די יאר איז ער אריבער שווערע יסורים, עס איז באקאנט עטליכע וואונדערליכע ערציילונגען פון זיין מסירות נפש, פשוטו כמשמעו, צו קענען מקיים זיין די מצוות מיט א אויסערגעווענליכע פרומקייט אויך דינענדיג אין די רוסישע מיליטער.

אבער מער פון אלעס ווערט באצייכנט זיין געוואלדיגע מדריגה ווען אויך אינמיטן די שווערע צייטן האט ער מקפיד געווען מיט מסירות נפש אויסנוצן יעדע פרייע מינוט אויף תורה. זיינע תלמידים האבן זיך געזארגט פאר אים און באהאלטערנערהייט אים געשיקט קליינע בענדער פון א ש"ס און אין זיי האט ער געלערנט בייטאג און ביינאכט. יארן שפעטער האט ער דערציילט אז א גאנצע סימן אין זיין באקאנטן ספר 'קהילות יעקב' איז געשריבן געווארן דורך אים דווקא אין די שווערע תקופה.

דערנאך וואס ער איז באפרייט געווארן פון די מיליטער בדרך נס, איז ער צוריק לערנען ווי א געהעריגער תלמיד אין די נובהארדוק'ער ישיבה וואס איז אריבער אין יענע צייטן קיין קיעוו וואס איז אין אוקריינא. אויסער דעם וואס ער האט ווייטער אריינגעלייגט אלע זיינע כוחות אין תורה, האט ער זיך אויך שטארק אויסגעצייכנט אין די מידה פון ביטחון אזוי ווייט אז עס איז געווארן א חלק פון זיין פערזענליכקייט ווי עס פאסט פאר א תלמיד פונעם אלטן פון נובהארדוק זצ"ל.

אין יאר תר"פ איז דער אלטער זצ"ל נפטר געווארן, און אנשטאט דעם איז אויפגענומען געווארן זיין איידעם רבי אברהם יפה'ן זצ"ל צו שטיין אין שפיץ פון די נובהארדוק'ער ישיבה. אין יענע צייט איז די רעוואלוציע פון די בולשעוויקן פארגעקומען אין גאנץ רוסלאנד און אין די געגנט, זיי האבן גענומען פאר זיך א ציל אויסצומעקן יעדן רעליגיעזע פינק וואו נאר זיי האבן דערגרייכט.

דער הויפט ציל פון טשעפענען אין די שטאט קיעוו איז געווען די חשובע נובהארדוק'ער ישיבה וואס האט זיך דעמאלטס געציילט ארום זעקס הונדערט חשובע בחורים, ווען דער סטייפעלער ווערט פאררעכנט צווישן די לייבן אין די הייליגע חבורה. פון מאל צו מאל פלעגן זיי איינברעכן אין די היכל הישיבה און אוועק כאפן עטליכע פון די בחורים און רבנים פון די ישיבה מיט פארשידענע אויסרייד. מ'האט זיי גענומען אין ארעסט-הויז, און זענען נישט באפרייט געווארן נאר נאך אסאך מיה און פלאג מיט געבן אסאך שוחד.

די מצב פון די תלמידי הישיבות אונטער די רשעות'דיגע בולשעוויקן איז געווארן אומדערטרעגליך, און דער חפץ חיים וואס איז אנגעפרעגט געווארן איבער דעם, האט באפוילן אז אויף אלע בני הישיבות ליגט א חוב צו טון יעדע השתדלות זיך אריבער כאפן די גרעניץ צו די דערנעבנדיגע פולין, וואו דארט האט געהערשט א פרייהייט אויף רעליגיע.

אין לויף פון די קומענדיגע יאר און א האלב האבן די ארום זעקס הונדערט בחורים פון נובהארדוק געטון אלעס וואס זיי האבן געקענט זיך אריבערכאפן די גרעניץ, דורך פארשידענע אומלעגאלע וועגן און אויך דורכ'ן זיך איינשטעלן דאס לעבן, ווען די מידה פון ביטחון וואס זיי האבן איינגעקויפט ביי זייער אומפארגעסליכן רבי'ן דער אלטער זצ"ל באלייכט זיי די וועג. וויסנדיג אז זיי האבן א הייליגע ציל און עס איז קלאר אז הקב"ה וויל זיי זאלן אזוי טון, האבן זיי זיך ארויסגעלאזט אויף זייער וועג צווישן בערג און טאלן, געקראכן און געלאפן, ווען זיי זענען פארשטעלט אויף פויערן. גרופע'ס ווייז זענען די בחורים אריבער די גרעניץ, ביז נאך א יאר און א האלב איז פארענדיגט געווארן די אפאראציע און אונטער די גרעניץ פון די הערשאפט פון די בולשעוויקן איז נישט פארבליבן אפילו איינער פון די ישיבה בחורים אין נובהארדוק.

צווישן די וואס האבן זיך אריבער געשווערצט איז אויך פאררעכנט געווען דער סטייפעלער, אבער אזוי ווי פאר אסאך פון זיי איז עס נישט אנגעקומען אזוי גרינג. עטליכע מאל האט ער פרובירט צו מאכן די וועג אבער ער האט געמוזט זיך צוריק קערן אויף זיינע פוס טריט.

דער סטייפעלער מיט די גרופע וואס זענען געווען מיט אים האבן אפגעמאכט מיט א גוי'שן דארפסמאן, א איינוואוינער אין איינע פון די שטעטלעך נאנט צו די גרעניץ, וואס האט גוט געקענט די אלע וועגן אין די וואלד און אלע שפאלטענע'ס אין די גרעניץ וואס דורך זיי קען מען זיך אדורך שווערצן. זיי האבן אים באצאלט פאר דעם א בינטל פון גאלדענע מטבעות און ער האט אנגעהויבן זיין ארבעט. נאך עטליכע מאל וואס האט זיך נישט גוט אויסגעלאזט, זענען זיי איין טאג אריין אין די געדעכטע וואלד נאנט צו די גרעניץ און פארנאכט'ס זענען זיי אנגעקומען צו די גרעניץ און האבן געווארט אויף די צייכן וואס איז געווען אפגעשמועסט צווישן זיי און דער דארפסמאן אז די באדן איז ליידיג און זיי קענען אריבערגיין די גרעניץ. דער סטייפעלער וואס האט געזען אז די זון גייט באלד אונטערגיין האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה, ווייל אזוי זאגן די חכמים: "לעולם יהא אדם זהיר בתפילת המנחה", און ווען ער האט זיך געשטעלט דאווענען האט ער ווי זיין שטייגער פארגעסן פון די גאנצע וועלט.

האלטנדיג אינמיטן דאווענען איז פלוצלינג ארויסגעקומען דער דארפסמאן פון צווישן די ביימער און האט געווינקען פאר די בחורים זיי זאלן שוין אריבערגיין די גרעניץ. די בחורים האבן זיך געאיילט אריבערגיין די גרעניץ און דער סטייפעלער וואס איז געווען פארטיפט אין זיין דאווענען האט אפילו נישט געטראכט פון אויפהערן דאווענען.

ווען ער האט געענדיגט דאווענען האט ער זיך געטראפן איינער אליין אין וואלד. אויך דאס מאל ווי עס זעט אויס האט ער דערלייגט די מעגליכקייט אריבערגיין די גרעניץ. אבער יעצט איז אים געשטאנען פאר די אויגן די ווערטער פון חז"ל איבער די מעלה פון תפילת מנחה. מיט די כח התפילה האט ער אנגעהויבן גיין ווען ער איז אינגאנצן פארטראכט און איז זיך מחזק מיט די מידה פון ביטחון, אן צו וויסן וואו אהין ער גייט. אין לויף פון א לאנגע צייט איז ער געגאנגען אן קיין אויפהער און פלוצלינג האט ער זיך געטראפן שטיין נעבן א שול. ווען ער האט געפרעגט די דורכגייער וואו געפונט ער זיך יעצט, האבן זיי אים געזאגט אז ער געפונט זיך יעצט אין די שטאט סלוצק וואס איז אין פולין.

דער סטייפעלער וואס איז שאקירט געווען פון די נס וואס האט פאסירט מיט אים האט זיך נישט אפגעשטעלט אויף איין מינוט אויך נישט, ער איז באלד אריין אין שול ווען זיינע ליפן מורמלען לויב און דאנק ווערטער פארן באשעפער וואס האט אים אויסגעלייזט דורך א וואונדערליכע וועג פון די בולשעוויקן, און האט באלד גענומען א גמרא פון די שאפע און זיך אראפ געזעצט צו מחיה זיין זיין הונגעריגע זעל דורך לערנען תורה.

'תולדות יעקב' עמ' מ

עיצובים shay